# פרשת שופטים כ"ח אב – ד' אלול תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת שופטים***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למחנה דברי חיים זוועהיל (קאניאנגא לעיק) להשתתף אצל סעודת שלשים של **כ"ק האדמו"ר מזוועהיל זצ"ל**, שהתקיים ביחד עם חנוכת בית המדרש אהל שלמה (שנקרא על שמו), ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**שלמה** המלך זאגט (קהלת ז-ב), טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, עס איז בעסער צו גיין צו א בית אבל, ווי צו גיין צו א בית משתה, באשר הוא סוף כל האדם, דער בית האבל דאס איז דער סוף פון יעדן מענטש, והחי יתן אל לבו, דער לעבעדיגער מענטש זאל געבן צום הארץ, אז מען לעבט נישט אויף אייביג, עס קומט אמאל א צייט וואס מען גייט אוועק פון די וועלט. און נעמען אין חשבון, בשעת מען האט די זכיה אז מען איז אויף דעם עולם, צו טון וואס מען דארף אויפטוען.

**אילו** זכינו, ווען מיר וואלטן זוכה געווען, וואלט מען געזעסן יעצט ביי א בית משתה, דער רבי זכרונו לברכה וואלט געווען דא צוזאמען מיט אונז, און ער וואלט געקוועלט פונעם חנוכת הבית, וואס זיין גאנצע שטרעבן איז געווען, מרבה צו זיין תורה פאר יודישע קינדער. ליידער האבן מיר נישט זוכה געווען, און אנשטאט דער בית המשתה, זענען מיר זיך צוזאמגעקומען צו א בית האבל. און 'טוב' ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, מען דארף ארויסנעמען די גוטע חלק, אז ב"ה עס ווערט ווייטער נמשך די כוחות וואס מען האט אריינגעלייגט אין דעם מקום. די הרבצת התורה פון אזויפיל יארן גייט נישט צוגרינט, נאר אדרבה, עס וואקסט און עס בליהט ווייטער אויך.

**דער** וואונד איז נאך זייער גרויס, עס איז א ווייטאג ביי יעדן איינעם אז מען האט פארלוירן אזא אדם גדול בישראל, א גדול בתורה, כל ימיו האט ער זיך געפלאגט אויף תורה. געלערנט תורה מיט תלמידים, און מעמיד געווען הונדערטער תלמידים וואס זענען אויסגעוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה'. זיין עבודת ה', זיין דאווענען, זיין הנהגה, זיין באנעמונג איז געווען להפליא. און ועל כולם, וואס יעדער האט געקענט זעהן, דעם אור פנים וואס איז געווען ביי אים, וואס דער פנים האט געשיינט מיט א אויסערגעווענליכע ליכטיגקייט.

**עס** שטייט אין מדרש (קה"ר ח-ד) אז א גוי האט אמאל געזען רבי יהודא בר אילעאי, ווי דער פנים האט אים געלאכטן. האט דער גוי געזאגט, דו קוקסט אזוי גוט אויס, דער פנים לייכט דיר, אז עס מוז זיין אז דו גיבסט זיך אפ מיט איינע פון די דריי זאכן. אדער לייעסטו געלט פאר מענטשען ברבית, עס קומט דיך נישט אן שווער צו ארבעטן, עס קומט אריין יעדן חודש די רבית. אדער ביסטו א מגדל חזירים, וואס איז געווען אמאל א גוטע געשעפט, וואס מען האט פארדינט דערויף אסאך געלט. אדער טרינקסטו אסאך וויין, וואס פון דעם זעהסטו אויס גוט. האט רבי יהודא בר אילעאי געזאגט פאר דעם גוי, קיין איינע פון די דריי זאכן האב איך נישט. ביי אונז טאר מען נישט לייען קיין געלט ברבית, מען איז נישט קיין מגדל חזירים, און אפילו די ארבע כוסות וואס איך דארף טרינקען איינמאל אין יאר, פסח, טוט מיר ווי דער קאפ דערפון ביז שבועות. האט ער אים געפרעגט, פון וואס דען לייכט דיין פנים. האט ער אים געזאגט, חכמת אדם תאיר פניו (קהלת ח-א) די חכמה, די תורה וואס מען לערנט ערליך, תורה וואס מען לערנט בקדושה, דאס איז תאיר פניו, דאס האט אים באלאכטן דעם פנים.

**די** הארת פנים וואס דער רבי ז"ל האט געהאט, איז נישט געקומען פון דעם וואס מען האט געטרינקען וויין, צו ווייל מען האט געהאט אזעלכע פיינע טעג אינעם לעבן, וואס מען האט געקוועלט פון תענוג, און דאס האט ארויסגעברענגט זיין אור פנים, נאר עס איז ברכו באור פנים (ב"ר יא-ב). ווייניג גוטע טעג האט ער געהאט אין זיין לעבן, ער האט נישט זוכה געווען איבערצולאזן דורות נאך זיך, מיט וויפיל ווייטאג דאס איז אדורכגעגאנגען, וויפיל שווערע זמנים האט ער געהאט אין זיין לעבן. און דאס האט נישט אוועקגענומען דאס ליכטיגקייט פון זיין

פנים, דער חכמת אדם תאיר פניו האט אים שטענדיג באלאכטן דעם פנים.

**דער** רבי ז"ל איז געווען א מיצר בצרתן של אחרים, ער האט זיך באמת מצער געווען בצרת ישראל, און נאך מער דער שמח בשמחתם, וואס ער האט זיך מיטגעפרייהט מיט יעדע שמחה. דאס ליכטיגקייט וואס מען האט געזען אויף זיין פנים, ביי יעדן ברית וואו מען איז זיך צוזאמגעקומען, און די שטוב מענטשען ווייסן דאס נאך נאנטער, ווי ער האט זיך מיטגעפרייט מיט יעדע שמחה ווי עס וואלט געווען א אייגענע שמחה. דאס איז אסאך א העכערע מדריגה, ווי צו זיין א מיצר בצרתן של ישראל.

**זכרתי** ימים מקדם, איך דערמאן זיך צוריק די יארן, וואס עס איז שוין שבר על שבר, מען האט פארלוירן דעם רבי'ן [**הגה"ק מצאנז-קלויזענבורג**] **זצ"ל**, און יעצט האט מען פארלוירן דעם **זוועהיל'ער רבי'ן זצ"ל**. יארן פלעג איך קומען, טאקע אין אזא צייט ווי יעצט, שבת מברכים אלול, און אנדערע זמנים אין יאר, און איך פלעג איינצושטיין און עסן ביים רבי'ן ז"ל. די שיינע שבתים וואס מיר האבן געהאט אינאיינעם, די דברי תורה וואס איז געווען אנגעפולט אין שטוב, וואס מען האט אזויפיל צוזאמגעהערט, אלעס האבן מיר ליידער פארלוירן. עס איז נאך דא א עלטערער דור, וואס געדענקט נאך דעם רבי'ן [**הגה"ק מצאנז-קלויזענבורג**] זצ"ל, זיין געוואלדיגע עבודה, זיין עבודת התפלה, זיין עבודה אין תורה הק', און מען האט זיך געטרייסט, אז עס איז איבערגעבליבן א קינד, וואס דאס קינד וועט שפעטער ממשיך זיין. און יעצט האבן מיר שוין פארלוירן צוויי דורות, די ווייטאג איז א גרויסע ווייטאג.

*

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות יז.) אז ווען רבי יוחנן האט מסיים געווען ספר איוב, האט ער געזאגט, סוף אדם למות, דער סוף פן א מענטש איז, אז מען גייט אוועק פון די וועלט. וסוף בהמה לשחיטה, דער סוף פון א בהמה איז, אז מען שחט אים. והכל למיתה הם עומדים, אלעס שטייט למיתה. קיין שום זאך איז נישט קיין נצחי אויף די וועלט, אלעס

ווערט אוועקגענומען. אשרי מי שגדל בתורה, וואויל איז פאר דעם וואס איז ערצויגן געווארן אין תורה. ועמלו בתורה, וואויל איז פאר דעם וואס זיין עמל איז אין תורה. ועושה נחת רוח ליוצרו, און ער טוט א נחת רוח פארן אייבערשטען. וגדל בשם טוב ונפטר בשם טוב מן העולם, אז מען לעבט מיט א שם טוב, און מען גייט אוועק מיט א שם טוב, דאס איז א זכיה וואס א מענטש קען האבן אינעם לעבן. ועליו אמר שלמה (קהלת ז-א), טוב שם משמן טוב, ויום המות מיום הולדו.

**מען** דארף נישט רעדן פון די תורה פונעם רבי'ן, און פון זיין עמלו בתורה, וואס יעדער האט געזען, און יעדער ווייסט דערפון. נאר דער גדל בשם טוב, עס איז נישט דא א מענטש וואס זאל קענען זאגן עפעס א קריטיק אויפן רבי'ן ז"ל. ער איז געווען יארן א מנהיג ביי יודען, און איבעראל, אין אלע קרייזן, וועט קיינער נישט טרעפן א רבב על בגדו, א פלעק אויף זיין בגד, זאגן עפעס א קרום ווארט, וואס ער זאל האבן קריטיק. וואס ער האט געטון, איז געווען אויסגערעכנט מיט א אהבת ה', אזוי ווי די גמרא (יומא פו.) דרש'נט, אהבהו על הבריות, באליבן דעם אייבערשטענס נאמען אויף מענטשן. זיין הנהגה איז געווען, אז מען זאל קענען זאגן, אזוי קוקט אויס א תלמיד חכם, אזוי דארף אויסקוקן א גדול בישראל, דאס איז געווען דער דמות וואס ער האט געהאט אויף זיך.

**איך** האב געזען שטיין פון **רבי שלמה אלגזי**, אז ער האט געזאגט אויף די גמרא, סוף אדם למות, וסוף בהמה לשחיטה, והכל למיתה הם עומדים, וואס גיט צו די גמרא והכל למיתה הם עומדים, אז אלעס שטייט למיתה. ער האט דאך אויסגערעכנט אז א מענטש שטארבט, און א בהמה שטארבט, וואס איז דער והכל למיתה הם עומדים, און אשרי מי שגדל בתורה.

**האט** ער געזאגט אזוי. אז מען זעהט, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז דא א דומם, א צומח, א חי, און א מדבר. דאס איז די פיר זאכן פון וואס די וועלט איז צוזאמגעשטעלט. דער ערד איז א דומם. און וואס עס וואקסט ארויס דערפון, דאס איז דער צומח. דער חי דאס איז די

בעלי חיים וואס איז דא אויף די וועלט, און נאכדעם איז דא די חשוב'סטע פון די בריאה, דער מענטש. דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט, אז דער צומח לעבט פונעם דומם, דער צומח באקומט זיין חיות פון די ערד. דער חי לעבט פונעם צומח, אלע בעלי חיים עסן וואס עס איז געוואקסען אויף די ערד. און דער מענטש לעבט פונעם חי, פון די פיש, און פלייש פון די בעלי חיים.

**אויסענווייניג** קוקט עס אויס, ווי דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט פון גזל, יעדער נעמט צו יענעמס. דער צומח נעמט צו די כח פונעם דומם, קומט דער בעל חי און ער עסט אויף דעם צומח, קומט דער מענטש און ער עסט אויף די בעלי חיים. דער אייבערשטער האט דאך באשאפן א וועלט פון חסד, עולם חסד יבנה (תהלים פט-ג), און דא האט ער באשאפן, אז איינער זאל אויפעסן דעם צווייטן.

**אבער** עס איז נישט אזוי, דער דומם איז משתוקק אז ער זאל נתעלה ווערן אין א העכערע מדריגה פון וואס ער איז. ער פריידט זיך אז ער קען זיין דער משפיע פארן צומח, ווייל ווען דער דומם גיט אריין זיין חיות אינעם צומח, איז ער געווארן א שטיק צומח. ווען דער בעל חי עסט דעם צומח, ווערט דער צומח נתעלה. ער איז נישט געשטארבן, נאר ער איז נתעלה געווארן, ער איז געווארן א חי. ווען א מענטש עסט דעם בעל חי, ווערט דער בעל חי נתעלה. יעדער גייט מיט א מדריגה העכער, און יעדער איז משתוקק צוצוקומען צו א העכערע מדריגה.

**מען** געפונט ביים דור המבול, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, כי מלאה הארץ חמס מפניהם (בראשית ו-יג). ווייל דאס איז אלץ גוט, ווען עס איז דא דער מענטש וואס פירט זיך ערליך, און ער איז אלעס מעלה, דעמאלטס איז עס נישט קיין גזל, אבער טאמער עס איז נישט דא אזא ערליכער דור, עס איז א דור אזוי ווי דער דור המבול איז געווען, איז כי מלאה הארץ חמס, איז עס דעמאלטס א וועלט פון חמס, ווייל דער מענטש איז נישט מעלה נישט דעם חי, און נישט דעם צומח, און נישט דעם דומם, איז עס א וועלט פון גזילה.

**קומט** אויס, אז אלעס שטייגט. ווען דער צומח שטארבט, ווערט ער א חי. ווען מען שחט דעם חי ווערט ער נתעלה, ער ווערט א אדם. אויב אזוי, אז אלעס ווערט נתעלה, וואס געשעהט ווען דער מענטש שטארבט, און ער גייט צוריק צו די ערד, כי עפר אתה ואל עפר תשוב (שם ג-יט), דער ערד איז דאך ערגער פון אלע זאכן וואס איז דא אויף די וועלט. ווי אזוי קען זיין, אז א יעדע זאך ווען עס שטארבט, ווערט עס נתעלה, און דער מענטש גייט צוריק צו די ערד?

**אבער** דער אמת איז, אז דער מענטש ווערט אויך נתעלה. דער גוף בלייבט טאקע דא אויף דער ערד, אבער די נשמה פון א יוד לעבט ווייטער. די עבודה פון א יוד אויף די וועלט איז, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין (אבות ד-טז), א מענטש דארף זיך צוגרייטן אויף די וועלט, כדי ער זאל קענען אנקומען אינעם טרקלין. די עבודה פון א יוד איז, אז ער זאל נתעלה ווערן, ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, דאס איז די ריכטיגע עילוי צו וואס א נשמה דארף צוקומען. און אויף דעם וואונטשט מען אן, אז די נשמה זאל נתעלה ווערן. מיתה ביי א יוד איז נישט אזוי ווי א מיתה פון א גוי, וואס ער ווערט פארפאלן. מיתה פון א יוד איז א התעלות, וואס ער קומט ארויף אויף א העכערע מדריגה פון וואס ער איז געווען פריער. און דאס איז מען נאר זוכה ווען עס איז געווען גדל בתורה, און עמלו בתורה, ועושה נחת רוח ליוצרו.

**ספר** איוב איז א ספר וואס איז באשריבן די פראבלעמען און שוועריקייטן וואס איוב איז אדורכגעגאנגען איז זיין לעבן. דער ספר פון איוב איז א מסכתא פון צרות. ווען רבי יוחנן האט מסיים געווען ספר איוב, ווען ער איז אדורכגעגאנגען, ער האט איבערגעקוקט דאס לעבן פון א מענטש, וואס א מענטש מאכט אלץ מיט אינעם לעבן, וואס דאס איז א ספר איוב, האט ער זיך אפגעשטעלט, און ער האט געזאגט, סוף האדם למיתה, עס קומט א צייט וואס א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, ער שטארבט. סוף בהמה לשחיטה, א בהמה גייט אויך אוועק פון די וועלט, מען שחט עס. אבער והכל למיתה הם עומדים, אלע ווען עס קומט דער צייט פון די מיתה, האבן

זיי נישט קיין ירידה, נאר זיי זענען עומדים, זיי גייען ארויף, זיי שטייגען, זיי ווערן נאך אין א העכערע מדריגה. דער צומח ווערט א חי, און דער חי ווערט א מדבר. ווי אזוי קען זיין, אז ווען דער מענטש גייט אוועק פון די וועלט, זאל ער זיין ערגער פון יעדן איינעם, ביי אים וועט זיין כי עפר אתה ואל עפר תשוב. האט ער געזאגט, אשרי מי שגדל בתורה ועמלו בתורה, ועושה נחת רוח ליוצרו, ווען א יוד לעבט אויף אזא אופן, אז ער איז גדל בתורה, און עס איז עמלו בתורה, ער טוט א נחת רוח ליוצרו, גדל בשם טוב ונפטר בשם טוב, אלעס איז מיט א גוטן נאמען, דעמאלטס איז ביי אים די מיתה אויך נישט א ירידה, נאר די מיתה איז א עליה וואס מען שטייגט שפעטער.

**דוד** המלך זאגט אין תהלים (מד-כג), כי עליך הרגנו כל היום, יודען זענען זיך שטענדיג מוסר נפש פארן אייבערשטען, נחשבנו כצאן טבחה, מיר זענען גערעכנט ווי שעף וואס שטייען צו די שחיטה, אזוי ווי כלל ישראל האט אלץ מיטגעמאכט אין אלע דורות. וואס איז דער דאפעלטער לשון. ער האט שוין געזאגט כי עליך הרגנו כל היום, מיר הרג'ענען זיך פארן אייבערשטען. וואס גיט ער צו, נחשבנו כצאן טבחה, אז מיר זענען אזוי ווי צאן טבחה.

**נאר** דוד המלך וויל ארויסברענגען. ווען מיר הרג'ענען זיך פארן אייבערשטען, איז נישט אז מיר פארלירן דעמאלטס אונזער לעבן, נאר אונזער לעבן ווערט דעמאלטס נתעלה. ווען א יוד איז זיך מוסר נפש פארן אייבערשטען, איז זיין נפש נתעלה געווארן מיט זיין שטארבן. נחשבנו, מיר ווערן געגליכן, כצאן טבחה, פונקט ווי ווען מען שחט שאף, און מען עסט עס אויף, איז עס נישט א ירידה פאר די צאן, נאר דאס איז דער עילוי וואס דער צאן האט, נחשבנו כצאן טבחה, ווען א יוד גייט אוועק פון די וועלט, און עס איז גדל בשם טוב, און עס איז נפטר בשם טוב, דאס איז כצאן טבחה, ווערט דער נפש שפעטער נתעלה.

**און** דאס איז געווען ביים רבי ז"ל, מען האט געקענט זעהן זיין עמלו בתורה, זיין גדל בשם טוב ונפטר בשם טוב, וואס יעדער וואס איז געווען אין זיינע ד' אמות האט נאר צו זאגן א גוט ווארט. ווי אזוי מען האט זיך געפילט ווי א היימיש קינד, בשעת מען איז געווען צוזאמען אין שטוב. וואס ער האט זיך משמח געווען מיט יעדענס שמחה, און זיך מצער געווען בצרתן של ישראל. - אזוי ווי אויף די וועלט האט ער געהאט אזא נאנטער קשר צו אלע זיינע גוטע פריינד, איז זיכער אז מה כאן עומד ומשמש, אף שם עומד ומשמש (סוטה יג:), אז דאס וועט זיך נישט אויפהערן ווייטער. דער קשר איז נישט א קשר וואס האט זיך אפגעהאקט, נאר דער קשר דארף נתעלה ווערן, עס דארף שטייגן פון וואס עס איז געווען פון פריער.

**די** גמרא (שבת קה:) זאגט זייער שארף, אויף איינעם וואס איז זיך מתעצל בהספדן של חכמים. וואס איז דער גרויסער ענין אז מען זאל מספיד זיין א חכם? דער חכם דארף שוין נישט קיין כבוד, עס איז שוין פאר אים נישט נוגע. אבער עס איז נוגע פאר אונז, מיר דארפן זיך אראפלערנען. ווען מען זאגט א הספד אויף א חכם, און מען ברענגט ארויס זיינע מעלות ווי אזוי ער האט געלעבט, דאס איז אונז מחייב צו וויסען ווי אזוי מיר דארפן צו לעבן. מיר זאלן נישט פארגעסן די צורה, מיר זאלן נישט פארגעסן די תורה און עבודת ה' ווי אזוי ער האט זיך געפירט, און דאס זאל אונז באגלייטן שפעטער, אז מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין צו גיין אויפן זעלבן וועג.

*

**עס** איז אויך א חנוכת הבית, וואס מען האט מחנך געווען א פריש בית המדרש. עס הייסט שוין נאך זיין נאמען, עס איז זיכער לעילוי נשמתו, און עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די אלע וואס האבן צוגעהאלפן דערצו. ער האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער, ער האט אבער איבערגעלאזט אסאך תורה, וואס דאס איז זיינע קינדער, און עס איז א געוואלדיגער זכות, מסדר צו זיין די כתבים וואס ער האט איבערגעלאזט, און צוהעלפן דערצו, און זעהן עס צו דרוקן, ער וועט אוודאי זיין א מליץ יושר פאר די אלע וואס וועלן צוהעלפן דערצו, צו טון א נחת רוח פאר די נשמה.

**יוניאן** סיטי איז זייער א שיינער ישוב, די אלע וואס זענען דארט ווייסן די איידלקייט און דאס

ערליכקייט וואס איז דא דארט. דער בית המדרש איז פיל מיט תורה, ווען מען קומט אריין אין בית המדרש זעהט מען אז מען זיצט און מען לערנט. מען דארף זעהן מחזק צו זיין דעם מקום, און עס ווייטער אויפהאלטן, אז עס זאל ווייטער בליען אזוי ווי עס איז געווען ביז יעצט, און מען זאל מוסיף והולך זיין. - משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, ער האט אויסגערעכנט ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם כל איש ישראל (דברים כט-יב). זאגט רש"י, משה רבינו האט געהאלטן דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן, משה רבינו גייט איבערלאזן יודען, און מען גייט אריין אונטער די הענט פון יהושע. און בשעת מען גייט אריבער מפרנס לפרנס, דארפן יודען האבן חיזוק. האט משה רבינו געוואלט מחזק זיין די יודען, האט ער געזאגט, אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם, דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט אונז, אף על פי שמת יוסף ואחיו, אלקיהם לא מת (שמו"ר א-ח), דער אייבערשטער בלייבט שטענדיג מיט אונז. - דער מקום איז א הייליגער מקום, און מען דארף זעהן אנצוהאלטן און ממשיך זיין דעם מקום וואס האט אריינגענומען אין זיך אזויפיל קדושה.

**איך** וויל וואונטשען פארן חשוב'ן רב (**הגה"צ רבי שאול יהודא פריזאנט שליט"א, חתן כ"ק האדמו"ר מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**), דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז ער זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה. אבער איך מוז זאגן א ווארט פאר די בעלי בתים. די הצלחה פון א רב ווענט זיך, ווי אזוי מען שטייט אים צו די האנט. די וואס ווערן האבן די זכיה, און שכל, צוצושטיין צו די האנט, און נישט קריטיקירן אויף יעדע זאך, נאר זוכן ווי אזוי מען קען זיין א שותף, און אויפבויען, אז דער רב זאל זיין אזוי ווי א מלך צווישן אונז, די ווערן האבן דעם זכות פון דעם מקום. אסאך מאל, קען נישט דער גדול בישראל צוקומען און אויפטון דאס וואס ער האט בכח אויפצוטון, אן די הילף וואס ער האט פון די אנדערע ארום און ארום. און צו דעם איז דער עיקר נישט די בעלי בתים, נאר די תלמידי חכמים וואס זענען דארט. די בני תורה וואס אויף זיי קוקט מען ארויף, ווי אזוי זייער הנהגה וועט זיין, דאס וועט צוגעבן דערצו, אז מען זאל קענען ווייטער אויפבויען דעם מקום. און עס איז זיכער, ווען מען רעדט פון א ציבור בני תורה, וואס פארשטייען די חשיבות דערפון, אז מען איז זוכה צו האבן א קינד פונעם רבי'ן, וואס זאל ווייטער ממשיך זיין אויף דעם מקום, און עס אנהאלטן ווייטער, איז זיכער אז ער וועט זיין א מליץ יושר אויבן אין הימל פאר אונז אלע.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן אלע געבענטשט ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה, און ימים על ימי מלך תוסיף, שנותיו כמו דור ודור. דער באשעפער זאל אונז אלע געבן, אז מיר זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעס וואס מיר דארפן האבן. דער רבי זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, ער זאל אויסבעטן פאר אונז א גוט געבענטשט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת שופטים***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל מעמד 'ברנה יקצורו' סיום מסכת גיטין שנלמד במשך השנה על ידי תלמידי הישיבה קטנה '**נועם התורה**' דקהלתנו הק' במאנסי, והתקיים באולם עטרת חיה שרה, בהשתתפות הורי וזקני התלמידים, ובתוכם מגדולי וחשובי רבני העיר שליט"א. - אחר שנשמעו דברים על ידי הר"י **הרה"ג רבי יואל גרובער שליט"א** והרמי"ם שליט"א, ודבר הורי התלמידים על ידי **הרה"ג רבי אפרים יהודא פארטוגאל שליט"א** אב"ד סקולען מאנסי, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** פיל זיך פאר א זכיה צו קענען רעדן פאר די בחורים וואס האבן מסיים געווען די מסכתא מיט אזויפיל פלאג. אשריכם מה טוב חלקיכם, ווי גליקליך דארף מען זיך פילן, אז דער אייבערשטער האט געהאלפן, אז מען האט די זכיה צו זיצן באהלה של תורה, אוועקגעבן דאס גאנצע לעבן, נישט וויסען פון עפעס אנדערש, אויסער זיצן אין בית המדרש און לערנען. עס איז א געוואלדיגע זכות וואס מען האט אינעם היינטיגען דור, וואס מען ווייסט די נסיונות וואס איז דא היינט אויף די גאס. אויב מען

איז נישט אויסגעפארעמט אין די יוגנט מיט אסאך אהבת תורה און יראת שמים, קען מען זיך נישט האלטן, מען קען נישט בלייבן ערליך. אפילו א פשוט'ער יוד קען מען היינט נישט זיין, אויב מען איז נישט אריינגעטון אין תורה פון די יוגנט.

**רש"י** (דברים יא-טז) זאגט, וסרתם ועבדתם אלהים אחרים, ווען א יוד גייט אוועק פון תורה, איז נישט נאר אז ער איז אוועקגעגאנגען פון תורה, נאר עס איז אזוי ווי ער שטייט פאר דינען עבודה זרה. דוד המלך האט געזאגט (שמואל א כו-יט), כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה', אז מען האט אים פארטריבען פון זיך מסתפח זיין בנחלת ה', און מען האט אים געזאגט, לך עבוד אלהים אחרים. ווער האט געזאגט פאר דוד המלך, מלך ישראל, אז ער זאל גיין דינען עבודה זרה? זאגט רש"י, וויבאלד מען לאזט מיך נישט לערנען, מען טוט מיך אוועקנעמען פון תורה, שפיר איך אז עס איז כאילו מען זאגט מיך, אז איך זאל גיין דינען עבודה זרה. אז מען ליגט נישט אין תורה, די קאפ איז נישט אין לערנען, דעמאלטס ליגט די קאפ אין אנדערע זאכן. מען דארף זייך פרייען, מען דארף זיך פילן פאר א גליק, אז מען קען ליגן אין תורה. אז מען האט נישט קיין צייט צו אטעמען עפעס אנדערש, נאר אין תורה.

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, אשר ה' אלקיך נותן לך (דברים טז-יח). עס שטייט אין הייליגע ספרים, מען דארף פאר זיך אליין געבן שופטים ושוטרים, און וואס פאר א סארט שופטים ושוטרים זאלסטו געבן, אשר ה' אלקיך נותן לך, וואס זיי זאלן אין דיר אריינלייגען דעם ה' אלקיך. אז מען זאל זוכה זיין צו זיין ערליך, און וויסען אז מיר זענען עבדי המקום, תלמידים פונעם אייבערשטען. אזעלכע שופטים ושוטרים דארפן יודען האבן, אשר ה' אלקיך נותן לך, אז זיי זאלן אריינלייגן אין דיר דעם ה' אלקיך.

**ב"ה** די ישיבה בליהט, איך קען נישט גענוג ארויסברענגען וואס דער ראש ישיבה לייגט אריין אין די בחורים. דער ראש ישיבה זארגט זיך פאר ענק, צוצושטעלן מגידי שיעורים איינס שענער פונעם צווייטן. וויפיל קאפ ווערט אריינגעלייגט פאר מען נעמט אויף א מגיד שיעור, איבערשמועסן צו זעהן וואס מען קען דאס מערסטע ארויסברענגען פאר די בחורים. וויל איך אים וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויך אסאך כח, ער זאל קענען מרביץ תורה זיין מתוך נחת דקדושה, און עטץ אלע זאלטס ווייטער שטייגען און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **מאיר הערש בערגער** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה. אחר כך התפלל שם תפלת מעריב.

*

***יום שלישי פרשת שופטים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אריה הערשקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים ביקר **רבינו שליט"א** במחנינו עדת יראים בפארקסוויל. ילדי המחנה קיבלו את פני **רבינו שליט"א** בשירה ובזמרה, ונכנסו לבית המדרש למסיבת קבלת פנים. המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א, קידם את **רבינו שליט"א** בברכה, וכיבד את הרב **יוסף דוד אונגאר** שליט"א (סגן מנהל) לישא מדברותיו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסער תענוג, אנטייל צונעמען דא היינט צווישן די חשוב'ע קינדער און בחורים. מען האלט שוין ביים סוף פונעם זומער, זיבן וואכן זענען שוין אדורכגעגאנגען, שבע שבתות תמימות תהיינה, מען האלט שוין כמעט ביים אהיימפארן פון קעמפ. אין די הייליגע טעג איז דא נעילה פון יום הקדוש, וואס דאס איז דער אונטערשטער שעה פון די הייליגע טעג. ווען מען קומט אין קעמפ, אין אזא הייליגן מקום, אפגעזונדערט פון די טריפה'נע גאסן וואס איז דא אין די שטאט, איז

דער גאנצער זומער א יום הקדוש. און ווען מען האלט ביים אהיימגיין, האלט מען ביי נעילה, וואס דאס איז דער דערהויבנסטע מאמענט וואס א מענטש האט אין די הייליגע טעג. דעמאלטס מאכט א מענטש א חשבון הנפש, ווי אזוי עס איז אים אדורכגעגאנגען די אלע הייליגע טעג, און וואס ער גייט אויף זיך מקבל זיין, וואס עס גייט זיין ביי אים א טויש, מיט וואס גייט ער זיך אנדערש פירן פון וואס ער האט זיך געפירט ביז יעצט, ווען ער קומט צוריק צו די וואכעדיגע טעג.

**דאס** זעלבע איז די לעצטע וואך פונעם קעמפ, דארפן די קינדער מאכן ביי זיך א חשבון, זיך צוזאמקלויבן אלעס וואס מען האט געהערט אין משך פונעם זומער. די אלע שיינע טעג ווי אזוי מען האט זיך געפירט אין בית המדרש ביים דאווענען, די שיינע שבתים, ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט יעדער שבת, און מאכן זיך א חשבון, וואס נעם איך פון דעם מיט, מיט מיר אהיים, ווען איך וועל זיין אין שטאט, ווען איך וועל נישט האבן די גאנצע חברותא צוזאמען, איך וועל זיין אליין, ביי מיר אינדערהיים, אדער אין בית המדרש, ווי אזוי וועל איך זיך פירן. דאס איז די עבודה פון די לעצטע טעג אין קעמפ, אהיימצוגיין מיט גוטע החלטות.

**די** פרשה די וואך, רעדט זיך פון די ערי מקלט. ווען א מענטש האט גע'הרג'ט יענעם בשוגג, האט די תורה געגעבן דריי שטעט ווי ער קען אנטלויפן, והיה לנוס שמה כל רוצח (דברים יט-ג), און ווילאנג ער געפונט זיך אין דעם שטאט, קען מען אים גארנישט טון, מען קען אים נישט הרג'ענען. און ער איז דארט געזעסן ביז דער כהן גדול איז געשטארבן, און דעמאלטס איז ער פריי געווארן.

**עס** שטייט פונעם **אר"י הק'**, אז אזוי ווי עס איז דא ערי מקלט אין די וועלט, אז ווען מען האט גע'הרג'ט א מענטש בשוגג גייט מען אין די ערי מקלט, דאס זעלבע איז, ווען א מענטש זינדיגט, הרג'ט ער זיין נשמה, ער איז א הורג נפש בשגגה. און דער אייבערשטער האט אים אויך געגעבן ערי מקלט וואו ער קען אנטלויפן, און דורך דעם וועט ער קענען ניצל ווערן. וואס איז דער ערי מקלט וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש וואס האט געזינדיגט, ער האט גע'הרג'ט זיין נפש, דאס איז דער חודש אלול. ואשר לא צדה והאלקים א'נה ל'ידו ו'שמתי ל'ך מקום אשר ינוס שמה (שמות כא-יג), איז די ראשי תיבות אלו"ל. חודש אלול איז דער ערי מקלט פאר יעדן יוד. אין די צייט דארף א מענטש קולט זיין ביי זיך, אריינגיין אין די ערי מקלט, נעמען דעם חודש אלול, און שטייגן און דינען דעם אייבערשטען. מיט דעם קען מען מציל זיין, זיין נפש וואס איז קאליע געווארן אין משך פונעם יאר.

**די** תורה (דברים יט-ג) זאגט, ושלשת את גבול ארצך. ווען מען האט אויפגעשטעלט די ערי מקלט, זענען געווען די דריי ערי מקלט אויסגעשטעלט איינס אקעגן דעם אנדערן. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז יעדער מענטש דארף עוסק זיין אין דריי זאכן, על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-ב). ושלשת את גבול ארצך, ווען דו ווילסט אויסנוצן די ערי מקלט ווי עס דארף צו זיין, דארפסטו זיך באנוצן מיט דריי זאכן צו מאכן א גבול פאר דיין ארצך. תורה, עבודה, און גמילות חסדים. יעדער יוד דארף יעדן טאג עוסק זיין אין די דריי זאכן, דאס איז קיום העולם.

**תורה** מיינט זיצען און לערנען. ווען מען האט פרייע צייט, טאר מען נישט אנברענגען די צייט, נאר אריינכאפן וויפיל מען קען. נאך א פסוק חומש, נאך א משנה, נאך א בלאט גמרא, דאס איז די עמוד פון תורה וואס א מענטש דארף עוסק זיין ווען ער האט פרייע צייט. די צווייטע עמוד פון די וועלט איז עבודה, דאס איז תפלה, דאווענען. דאווענען איז נישט טייטש אפצוזאגן די ווערטער פונעם דאווענען, דאווענען איז טייטש עבודה שבלב, דאווענען מיט כוונה, מכוון זיין פירוש המלות, בשעת מען דאווענט זאל מען שפירן ווי מען שטייט פארן מלך מלכי המלכים, און ער בעהט זיינע בקשות, און דער אייבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, דער אייבערשטער הערט צו יעדע תפלה, דאס איז עבודה.

**גמילות** חסדים איז זייער שטארק שייך ביי קינדער און בחורים ווילאנג מען איז אינאיינעם. ארויסצוהעלפן איינער דעם אנדערן, נישט ווי טון

איינער דעם צווייטן, נישט זאגן א ווארט פאר יענעם וואס וועט אים וויי טון. עס איז א לאו אין די תורה, ולא תונו איש את עמיתו (ויקרא כה-יז), מען טאר נישט זאגן פאר יענעם א ווארט, וואס טוט יענעם וויי. און כל שכן אויפהייבן א האנט אויף יענעם, שלאגן יענעם, די אלע זאכן זענען לאוין מן התורה. ווען מען גיט א פאטש פאר יענעם, ווען מען גיט א קלאפ פאר יענעם, האט מען עובר געווען אויף א לא תעשה שבתורה. אדרבה, מען דארף זוכן וואס מען קען גוטס טון, וואס קען איך ארויסהעלפן פאר יענעם, דאס איז גמילות חסדים.

**ושלשת** את גבול ארצך, מען דארף משלש זיין די גבול פון די ארציות, מיט די אלע דריי נקודות, תורה, עבודה, און גמילות חסדים, דאס איז אונזער ערי מקלט וואס מיר האבן אין חודש אלול. און די דריי נקודות דארף זיך יעדער אהיימנעמען פונעם קעמפ. וואס איז נוגע צו תורה, אזוי ווי מען האט געלערנט פלייסיג אין קעמפ, עס איז געווען מתמידים, עס איז געווען בחינות, וואס יעדער איינער האט זיך פראבירט צוצושטעלן, דארף מען דאס מיטנעמען אהיים. ווען מען האט פרייע צייט, זאל מען אויסנוצן די צייט וואס מען האט ליידיג, אויף תורה. די שעה וואס מען איז ביים דאווענען, זאל שטענדיג אויסקוקען אזוי ווי עס איז געווען אין קעמפ. נישט נאר אין קעמפ דארף מען שטיין אויף איין פלאץ, און נישט רעדן ביים דאווענען, און דאווענען הויך, נאר ווען מען קומט אריין אין שטאט, דארף מען זיך אויך אזוי פירן. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען איז אין חדר, צו עס איז שבת, צו עס איז יום טוב, מען דארף שטיין אויף איין פלאץ און דאווענען מיט א כוונה. אינזין האבן וואס מען זאגט, מכוון זיין פירוש המלות, און בעטן פונעם אייבערשטען אלע זיינע צרכים. טון אין חסד, וואס מען קען ארויסהעלפן איינער פארן צווייטן, דאס דארף מען זיך מיטנעמען יעצט ווען מען גייט אוועק פונעם קעמפ אויף א גאנץ יאר.

**און** כל שכן ווען מען רעדט פון די טייערע שבתים וואס מען האט געהאט, וואס די מדריכים האבן אריינגעלייגט אזויפיל כוחות, די מעשיות און סיפורי צדיקים וואס מען האט געהערט, צו וויסן ווי אזוי א ערליכער יוד דארף אויסצוקוקען, און פרובירן נאכצוגיין זייערע וועגן, דאס אלעס דארף מען מיטנעמען מיט זיך. דער שבת ביי זיך אינדערהיים דארף זיין מיט די זעלבע זמירות אזוי ווי מען זינגט דא. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו עס איז דא אסאך קינדער צו ווייניג, יעדער פאר זיך דארף אפרעכטן א שבת אינדערהיים מיט שירות ותשבחות פארן אייבערשטען. דער שבת זאל זיין דערהויבן מער ווי די וואכעדיגע טעג. און אז מען גרייט זיך צו דערצו, ווען מען האלט ביי נעילה, און מען נעמט מיט, מיט זיך די אלע גוטע מחשבות וואס מען האט, העלפט דער אייבערשטער אז מען קען עס שפעטער אויספירן הלכה למעשה.

**עס** קומט יעצט א נייער יאר, מען איז שוין מתפלל אויפן קומענדיגן יאר, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה, א געזונט יאר, און א פרייליך יאר, מען זאל קענען אויסנוצן דאס לעבן פאר תורה און עבודת ה', וועט עטץ אלע מצליח זיין, און קענען שטייגען אין תורה ווייטער אויך. מען דארף באדאנקן פאר די גאנצע סטע"ף, דער מנהל און דער סגן מנהל, דער ראש המדריכים און דער סגן ראש המדריכים, יעדער איינער האט פראבירט אריינצוגעבן אין ענק אהבת תורה ויראת שמים. און ב"ה הכרת פנים ענתה בהם, מען דערקענט אויף די צורות פון די קינדער, דאס איידלקייט וואס מען האט זוכה געווען דא אין משך פון דעם זומער. דארף מען דאנקען דערויף, און האבן א הכרת הטוב פאר די וואס האבן עס צוגעברענגט. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה עבר **רבינו שליט"א** לבית המדרש של כיתה ט', והתפלל עמהם תפלת מנחה. אחר מנחה עברו התלמידים לברכת שלום.

*

***__שבת קודש פרשת שופטים__***

כשעה אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו לשור ניגון. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווע**

**זי"ע**, (מתוך הספר שיח זקנים חלק שמיני). **בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** (דומ"ץ דקהלתנו בוומסב"ג).

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**סיפר הגה"צ מציעשנוב זצ"ל, שזקינו הרה"ק משינאווע** אמר פעם על אחיו, זיי זאגן אז איך טו נישט ווי דער טאטע. ווער געדענקט נאך דעם טאטן אזוי ווי איך. איך געדענק אים נאך ווען ער איז געווען א יונגערמאן. ווען ער איז געווען א יונגערמאן, האט ער געטון אזוי ווי איך טו.

**והוסיף רבינו:** איינער האט מיך נאכגעזאגט פונעם **קאשוי'ער רב זצ"ל**, אז ער פלעגט צו זאגן, אז ווען מען וויל זאגן אויף א צדיק אז ער האט געהאט א געוויסן מנהג ווי אזוי ער האט זיך געפירט, דארף זיין דריי זאכן כדי צו באשטעטיגן אז דאס איז דער מנהג פונעם צדיק. איינס, אז דער וואס פארציילט עס איז א תלמיד חכם. א תלמיד חכם ווייסט אויפצופאסן וואס ער זעהט, און אויב א תלמיד חכם זאגט, אז דער צדיק האט זיך אזוי געפירט, קען מען זיך פארלאזן דערויף. אבער ווען א בעל הבית זאגט, אז ער האט געזען אז דער צדיק האט אזוי און אזוי געטון, קען מען נישט קיין סאך געבן דערויף, ווייל דאס מיינט נאכנישט אז דאס איז א מנהג אז ער האט זיך אזוי געפירט, ווייל דער בעל הבית האט נישט געוואוסט פונקטליך אויפצופאסן. אמאל קען זיין א קלייניגקייט אין הלכה, וואס טוישט די גאנצע מציאות פון וואס מען האט געזען. ממילא מוז זיין אז א תלמיד חכם זאל מעיד זיין דערויף.

**צווייטענס**, א זאך וואס מען האט געזען אז מען האט אזוי געטון נאר איין מאל, הייסט נישט א מנהג. נאר טאמער ער זאגט, אז ער האט געזען אז מען האט זיך אזוי געפירט דריי מאל, דאס איז א מנהג. אויב מען האט זיך אזוי געפירט נאר איין מאל, קען זיין אז עס האט זיך געמאכט א מקרה, א סיבה, פארוואס מען האט משנה געווען, און מען האט אזוי געטון.

**דריטענס**, נאר ווען מען פארציילט א מנהג וואס מען האט זיך אזוי געפירט פון די יוגענט. אסאך מאל זענען צדיקים אויף די עלטער שוין שוואך, זיי האבן נישט קיין כח, מען קען נישט טון אלעס וואס מען האט געטון אין די יונגע יארן, איז נישט קיין הכרח אז דאס איז דער וועג וואס מען דארף זיך צו פירן. עס איז א אונס, באין ברירה, האט מען זיך אזוי געפירט.

**אביסל** מער מסביר זיין. א צדיק אין די יוגנט, איז אנדערש ווי א צדיק אויף דער עלטער. אין די יוגנט איז דא געוויסע עבודות וואס א מענטש טוט, וואס ער קען נישט אזוי באהאלטן, זעהט מען עס מער בגלוי. אויף דער עלטער ווערט א מענטש מער באזעצט, און ער קען באהאלטן זאכן וואס מען באמערקט עס נישט אזוי ווייט. ער גיט נישט ארויס, וואס ער האט ארויסגעגעבן אין די יוגנט. אין די יוגנט איז אלעס מיט א קאך און מיט א ברען וכדומה, און אויף דער עלטער איז עס שוין מער איינגעצוימט אינעם מענטש.

**איך** האב אמאל געהערט דערויף א משל. אז מען זעהט די וואס הייבן אן זיך צו לערנען שווימען, די פלאטשקענען אין די וואסער, און זיי מאכן א געוואלדיגע גערודער בשעת זיי שווימען. נאכדעם וואס זיי האבן זיך שוין אויסגעלערנט צו שווימען, הערט מען נישט ווען זיי שווימען, ער גייט אזוי איינס צוויי, ער קען אדורכשווימען די גאנצע וואסער, און מען זעהט גארנישט אז איינער שווימט דארט. - אין אנהייב פון די עבודה פון א יוד, קען ער נאכנישט שווימען, גייט עס מיט א קאך און מיט א ברען. שפעטער אויף דער עלטער, ווען ער האט זיך שוין אויסגעלערנט צו שווימען, קען ער עס מאכן שטילערהייט אויך. - עס זענען געווען צדיקים וואס האבן געדאווענט מיט א אש להבה, און אויף די עלטער זענען זיי געווען מער איינגעצוימט. על כל פנים, עס איז דא זאכן וואס מען קען נישט דן זיין פון דעם וואס מען זעהט אויף דער עלטער, אויף די יונגע יארן.

**נאכדעם**, אויף דער עלטער איז מען שוין אסאך מאל א נצרך לרבים, מען האט צוטון מיט א רבים, פירט מען זיך אנדערש, ווי מען האט זיך געפירט ווען מען איז געווען פאר זיך אליין. ביי זיך איז דא איין וועג פון עבודת ה', און אז מען האט צוטון מיט א רבים, קען מען נישט אלעס טון וואס מען האט געטון אין די יוגנט.

**איך** זאג עס וועגן דעם, ווייל איך וויל מקיים זיין דעם והייתם נקיים מה' ומישראל (במדבר לב-כב). איך זאג אלץ פאר די בר מצוה בחורים, אז מען זאל זיך זעהן פארצונעמען, אז מען זאל נישט רעדן מיט די תפלין. אין אלע הייליגע ספרים שטייט אזוי, און אלע ערליכע יודען האבן זיך אזוי געפירט. איך אליין רעד יא מיט די תפלין, און עס קוקט אויס אסאך מאל, ווי איך זאג פאר א בחור אז ער זאל נישט רעדן מיט די תפלין, און איך רעד יא. איך האב אויך נישט גערעדט מיט די תפלין יארן לאנג, ביז איך בין געווארן א רב. ווען איך בין געווארן א רב, און איך האב געהאט צוטון מיט א ציבור פון יודען, צו מיט מענטשן וואס מען האט זיך געטראפן, און מען האט געדארפט מעורר זיין אויף עפעס, און די זאכן האט מען נישט געקענט טון נאר אין בית המדרש נאכן דאווענען, האב איך געפילט, אז איך מוז עס אויפגעבן. און וואס איך רעד, רעד איך נישט קיין דברי הבל, אלעס איז אדער נוגע פאר תורה, אדער איז עס נוגע פאר א גמילת חסד וכדומה. על כל פנים, מען זאל זיך נישט אראפלערנען פון מיר, פון וואס איך טו אויף דער עלטער, אז איך רעד מיט די תפלין, ווייל איך האב אויך נישט גערעדט מיט די תפלין ווען איך בין געווען יונג.

**צווייטענס**, דאס דאווענען אליין. אלץ יונגערמאן האב איך געדאווענט אנדערש ווי איך דאווען היינט, מען זאל זיך נישט אפלערנען ווי אזוי איך דאווען היינט, ווייל אלץ יונגערמאן האב איך געדאווענט שעות ארוכות, און אזוי דארף מען צו דאווענען. ווען איך בין געווארן א רב, איך בין געווארן א נצרך לרבים, איך קען נישט אויפהאלטן דעם גאנצן עולם אין בית המדרש, צו ווארטן אויף די שמונה עשרה, ווילאנג איך דאווען אפ, האב איך נישט געהאט קיין ברירה, און איך האב זיך געמוזט צופאסן צום ציבור. - איך וויל ארויסברענגען דאס וואס דער **שינאווער רב** האט געזאגט, אז עס איז דא זאכן וואס מען קען זיך נישט אראפלערנען פון דער עלטער, מען דארף זיך אראפלערנען ווי אזוי מען האט זיך געפירט אין די יוגנט.

*

סיפר הרה"ח רבי חיים כ"ץ ע"ה, שבברכת אשר יצר שאמר **הרה"ק משינאווע זצ"ל**, כשאמר תיבות שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם, היה אפשר לקבל הרהור תשובה.

**והוסיף רבינו**: עס שטייט אין **תולדות קול אריה** (דף עו), אז דער **קול אריה** האט אמאל געהאט פראבלעמען מיטן ארויסגיין, און ער האט געהאט געוואלדיגע יסורים. שפעטער ווען ער איז געזונט געווארן, און ער האט געקענט ארויסגיין געהעריג, האט ער געזאגט אשר יצר, און ער האט געזאגט דעם אשר יצר זייער ערליך. ער האט געשפירט וואס מען זאגט, שאם יפתח אחד מהם, או יסתם אחד מהם, אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך אפילו שעה אחת. ווען ער האט געענדיגט דעם אשר יצר, האט ער געזאגט, יעצט האב איך געזאגט דעם אשר יצר אזוי ווי דער הייליגער [**צאנזער**] **רב** זאגט יעדעס מאל. - ער האט געדארפט אדורכגיין א מצב וואס ער זאל עס שפירן, האט ער געזאגט, אז דער **צאנזער רב** שטענדיג ווען ער האט געזאגט אשר יצר, האט ער עס געזאגט מיט דעם דביקות.

*

סיפר הרה"ח רבי לייבל ווירצבערגער נ"ו כשהיתה אמי ע"ה בת חמש שנים חלתה ברגלה, ונסע אביה לשינאווע על חג השבועות, והביא אותה עמו. אחר החג נכנס **להרה"ק משינאווע**, וקבל לפניו על רגלה, וביקש **מהרה"ק משינאווע** שיברך אותה בידיו הק'. אמר לו **הרה"ק משינאווע**, הלא ידעת שאינני מברך לילדות. אחר כך עמד מכסאו ואמר שיעמדו את הילדה על הכסא, ותלך קצת בתוך הכסא (היה כסא רחב), ועשה כן. ואמר **הרה"ק משינאווע** שתשאר במצב זה. ופרצה אמי בבכי, אמר לה **הרה"ק משינאווע**, וויין נישט, עס וועט דיר נישט שאטן צו קיין שידוך, און נישט צו קיין פרנסה. דברי **הרה"ק משינאווע** נתקיימו במילואן, אמי היתה עשירה.

**וביאר רבינו**: די תמצית פון די מעשה איז, אז אמאל איז דא וואס א צדיק זעהט אז ער קען נישט העלפן, ער קען איר נישט אויסהיילן. אבער יעדע זאך ברענגט דאך נאך פראבלעמען. די פראבלעם איז נישט נאר אז מען הינקט אויף א פוס, די פראבלעם איז אויך, אז נאכדעם קען מען נישט טון א געהעריגן שידוך, און מען קען נישט צוקומען צו א געהעריגע פרנסה. איז אפילו מען קען נישט העלפן

אויף די ערשטע העלפט, האט דער שינאווער רב אויסגע'פועל'ט די צווייטע העלפט, אז נאכדעם וואס זי בלייבט אזוי, זאל זי כאטש בלייבן מיט א פרנסה, און זי זאל קענען טון א גוטן שידוך. אפילו עס איז דא א גזר דין אויף א געוויסע נקודה, און די נקודה קען מען נישט משנה זיין, אבער אז עס זאל נישט ברענגען קיין אנדערע ווייטאגן, אויף דעם האט דער **שינאווער רב** איר אנגעוואונטשען, אז זי זאל קענען טון א געהעריגן שידוך, און עס וועט איר נישט שאטן פאר א פרנסה.

**אסאך** מאל איז דא געוויסע קראנקהייטן וכדומה, און מען ווייסט אז עס איז שווער אז מען זאל קענען האבן א רפואה דערויף וכדומה, און מען איז נישט מתפלל גענוג. אפילו מען קען נישט מתפלל זיין, מען איז נישט דערביי מתפלל צו זיין, אז עס זאל ווערן א רפואה, אבער אז די קראנקהייט זאל נישט ברענגען אנדערע פראבלעמען וכדומה, אויף דעם דארף מען שטענדיג מתפלל זיין. מען דארף האבן א ברכה דערויף, אז עס זאל נישט ברענגען קיין תוצאות וואס איז נישט גוט[א].

פעם הושיט **הרה"ק משינאווע זצ"ל את חלק הרווי"ג של הדגים לאיש אחד** (היה ידוע שמי שמקבל ממנו את הרויג, הוא

---

[א] בדרשת ז' אדר בשנת תשע"ה לפ"ק האריך **רבינו שליט"א** בענין זה, וזה לשונו: לפעמים יש חולה שמחלתו אנושה, עד שבדרך הטבע הסיכויים לרפואה חלושה, ואין תרופה הגונה לחולי זה, וכגון אלטסהיימער וכו'. ואם כי אנו מאמינים שהקב"ה בורא רפואות, מכל מקום תפלתו אינו מקרב הלב כראוי מחמת יאושו. אבל גם במצב כזה יש להתפלל הרבה על דברים שהם בדרך הטבע, הן שלא יחמיר מצבו יותר, הלא בכל מחלה יש הרבה מדריגות, והן שלא יבוא שאר קאמפליקאציעס במצבו, והן שלא יתרבה צערו מהמחלה, ולא יבוא לידי מצב של הכרעות גורליות הנוגעות לנפשות, להחליט איך יש להם להתנהג. ושימצאו אדם הגון כראוי שישמש אותו, שלא יהיה חילוקי דיעות בין בני המשפחה, ושיוכל לעבור הכל ולקבלם במצב רוח טוב. אפילו אם לא יוכל לפעול בעיקר החולי, הלא יש עשרות דברים שנוגע להפרטים היוצאים מזה, ועל זה גם כן יש להתפלל.

וכמו כן לפעמים האדם נקלע למצב רע בפרנסתו ומסחריו, שאינו מוצא לעצמו דרך איך לצאת ממנו, בודאי שהקב"ה הוא כל יכול, ויש לו להרבות תפלה שישתנה מצבו. מכל מקום יוסיף על זה עוד תפלה, אשר עד בוא הישועה, או אם זהו גזירה מלפניו, הקב"ה יעזור לו להקל הענינים בתוך המצב שנמצא, שלא יסתבך יותר, ושיוכל להתעודד ולהחזיק מעמד שלא יכרע ברך מכובד המצב. או כאשר יש לו משפט, הוא טרוד רק איך לסלק ולהתפטר מהמשפט, ולא תמיד האדם ראוי שיבוטל הדבר לגמרי, אבל כמה דברים צדדים כרוכים בזה שעליהם גם כן יפיל תחנתו, שגם אם זהו חשבון מן השמים שצריך לעבור, מכל מקום יהא העונש בחסד, ובאופן שלא יצטער הרבה וכו'...

וביתר ביאור, הנה המאורע היותר גדולה שיש להכלל ישראל, הוא חורבן בית אלקינו, ומפני חטאינו גלינו מארצינו, ואנו מפוזרים בארבע כנפות הארץ, עם רדיפות כלליות ופרטיות, וחילול כבוד שמים. וכאשר נזכה במהרה שיגאל ה' אותנו, אז יסתלקו כל הדברים המכאיבים אותנו כעת. ועל זה אנו מרבים בתפלה. ועם כל זאת אנו מבקשים שתרחמני עוד בגלותי לגאלני, וכמו שפירש **מרן מבעלזא זי"ע**, שגם אם מחמת סיבה עדיין אין אנו מוכנים לישועת הגאולה, אז יגאל ה' אותנו מצרותינו, וירחמנו 'עוד בגלותי', כאשר עדיין אנו עוד בגלות יגאלנו מצרותינו...

ואיתא בגמרא (ברכות יז.) מר בריה דרבינא כי הוה מסיים צלותיה אמר הכי, אלקי נצור לשוני מרע וכו', ותצילני מפגע רע מיצר הרע ומאשה רעה וכו' ע"ש. ויש להבין וכי מר בריה דרבינא היה בחור זקן שעדיין לא נשא אשה, ומתפלל על זיווגו שיצילנו מאשה רעה. **ובהגהות היעב"ץ** כתוב, אף על פי שיש לו אשה, שמא תמות וישא אחרת, או שלא תחמיץ אם היא טובה, ולדידהו דהוו נסבי טובא, בלאו הכי ניחא ע"כ. והוא מוסר השכל, שלעולם יקדים אדם תפלה לצרה, שגם כאשר יש לו אשה טובה יש להתפלל שלא תשתנה. וגם יש מקום להתפלל בעוד שזיווגו עמו, שאם יבוא לידי מצב שיצטרך להנשא עוד הפעם, תזדמן לו אשה טובה.

ולפי מה שנתבאר, גם כאשר נפל גורלו באשה רעה יש מקום לתפלה, כי הלא כמה דרגות יש בזה, ואשה רעה גם כן יש לה זמנים שהיא טובה, ואין היא רעה כ"ד שעות ביום, ויש להתפלל שיצילנו ממצבו שעומד עם אשה רעה, שלא תוסיף להיות רעה עוד יותר הן בכמות והן באיכות, ושיוכל להתגבר שלא יבוא לידי מריבה, ולא תהיה נגד הילדים וכו'. והיינו כי תפלה שייכה בכל המצבים, שיוכל לחיות עם המצב, גם כאשר לא יזכה מן השמים שישתנה מצבו (נדפס **בשמן ראש** פורים ח"ב דף קעב, עיין שם עוד).

סגולה להיוושע בבנים), וחטף איש אחר את השירים ואכלה, ונושע אז בזרע של קיימא.

**ואמר רבינו:** איך האב געהערט די מעשה פון **רבי יענקעלע פון פשעווארסק זצ"ל**, ווען איך בין געפארן אמאל אויף א שבת צו **רבי איציקל זצ"ל**, אין די וואכן נאנט צו חודש אלול. עס איז געווען זייער לעצטע זומער, ער איז יענעם שבת נישט געווען אין אנטווערפען, ער איז אוועקגעפארן צו א שטעטל אויסער די שטאט, וואס האט געהייסען שילדע. עס איז אינגאנצן געווען דארט צען יודען אויף שבת, און איך האב אויסגע'פועל'ט אז מען זאל מיך אויך ארויסלאזן דארט אויף שבת. און ביים טיש איז געזעסן רבי איציקל, און רבי יענקעלע איז געזעסן אינדערזייט. רבי איציקל איז שוין געווען שוואך, און רבי יענקעלע האט פארציילט עובדות, און ער האט פארציילט די מעשה.

**האט** ער געזאגט, אז דער שווער, ער האט געוויזען אויף רבי איציקל, האט פארציילט. אז ער איז אמאל געווען אין שינאווע, און דער **שינאווער רב** האט געגומען א ביין, און ער האט עס געוואלט געבן פאר א יוד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, און ער האט אים געזאגט, נאדיר א ביין. עס איז לשון נופל על לשון, דאס איז א 'ביין', און א 'בן' איז א קינד, האט ער אים געגעבן א ביין. און עס איז געווען דארט א צווייטער יוד וואס האט אויך נישט געהאט קיין קינדער, און ער איז געשטאנען נעבן אים, און ער האט צוגעכאפט דאס ביין פאר זיך. האט דער **שינאווער רב** זיך אנגערופן, עס איז א געכאפט קינד. ווי איינער זאגט, דער ביין איז א קינד, און דו האסט עס אויסגעכאפט. און דער צווייטער האט געהאט א קינד.

**האט** רבי איציקל געזאגט, אז ער האט געקענט דאס קינד שפעטער, און דאס קינד איז יצא לתרבות רעה. מען כאפט נישט קיין קינדער. האט מען געזאגט דעמאלטס, אז דער **שינאווער רב** האט געזאגט, אז עס איז א געכאפט קינד, האט ער געמיינט צו זאגן, אז ער וועט זיין געכאפט אין דעות כוזבות. דער **שינאווער רב** האט עס געגעבן, אז עס זאל זיין פאר וועם ער האט עס געוואלט געבן.

*

סיפר הרה"ח רבי פנחס לעזער נ"י, שזקינו הגיע פעם לשינאווע באשמורת הבוקר, ונכנס לביתו של **הרה"ק משינאווע זצ"ל**. ונתן לו **הרה"ק משינאווע** מזונות ויין שרף (לעקיך און בראנפען). והרגיש זקיני שכבר האיר היום, וציוה **הרה"ק משינאווע** להוריד את הוילון (והוא לפלא, **שהרה"ק משינאווע** הרי היה שולחן ערוך מענטש. אמנם מסתמא כיון שהגיע מדרך רחוקה דינו כחולה שמותר לו לטעום קודם התפלה).

**והוסיף רבינו:** איך האב כמה פעמים געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז ער האט נאכגעזאגט פונעם פריערדיגן **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, אז אונטערוועגנס האט א מענטש די הלכה אזוי ווי א חולה שאין בו סכנה. זאכן וואס מען קען מקיל זיין פאר א חולה שאין בו סכנה, קען מען מקיל זיין פאר א מענטש וואס איז אונטערוועגנס. - מן הסתם האט ער נישט געמיינט היינט אונטערוועגנס, ער האט נאר געמיינט אמאל אונטערוועגנס. אמאל אונטערוועגנס איז נישט געווען וואס צו עסן, און וואו צו שלאפן. דער מענטש איז נישט געווען ביי זיך, ביז ער איז נישט אנגעקומען אויף א געהעריגע פלאץ. היינט איז ב"ה אלעס מסודר, וואו מען פארט און וואו מען גייט, קען מען האבן אלעס וואס מען דארף צו האבן. על כל פנים עס איז א חיזוק צו די ווערטער פונעם **שינאווער רב**, אז ער האט אים געגעבן צו עסן, וויבאלד ער איז געקומען פונעם וועג, האט ער געהאלטן אז ער האט דעם דין פון א חולה, אז ער מעג טועם זיין.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**